# דער צווייטער בריוו צו די קאָרינטער

א פּאָולוס, אַ שליח פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ דורך דעם רָצון פֿון גאָט, און
טימאָטעאוס, אונדזער ברודער, צו גאָטס קהִלה, וואָס איז אין
קאָרינט, און מיט אַלע הייליקע, וואָס זענען אין גאַנץ אַכאַיאַ:
2 חֶסֶד צו אײַך און שָלום פֿון גאָט, אונדזער פֿאָטער, און דעם
3 האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. געלויבט זאָל זײַן דער גאָט און פֿאָטער
פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דער פֿאָטער פֿון רַחמים און
4 גאָט פֿון יעדער נחָמה, וואָס טרייסט אונדז אין אַלע אונדזערע
צָרות, כּדי מיר זאָלן קענען טרייסטן די, וואָס זענען אין עפּעס
אַ צָרה, דורך דער טרייסט, מיט וועלכער מיר אַליין ווערן
5 געטרייסט פֿון גאָט. וואָרים אַזוי ווי די יסורים פֿון מָשִיחַן
פֿאַרמערן זיך אויף אונדז, אַזוי אויך טוט זיך פֿאַרמערן אונדזער
6 טרייסט דורך מָשִיחַן. און לײַדן מיר צָרות, איז עס פֿאַר אײַער
טרייסט און ישועה; און ווערן מיר געטרייסט, איז עס פֿאַר אײַער
טרייסט, וואָס ווירקט אין אײַך, בעת איר דערטראָגט געדולדיק
7 דיזעלבע יסורים, וואָס מיר אויך לײַדן. און אונדזער האָפֿענונג
פֿונוועגן אײַך איז שטאַרק; ווײַל מיר ווייסן, אַז אַזויווי איר זענט
טיילנעמער אין די לײַדן, אַזוי וועט איר אויך זײַן אין דער טרייסט.
8 וואָרים מיר ווילן ניט, אַז איר זאָלט ניט וויסן, ברידער, פֿונוועגן
דער צָרה, וואָס איז אונדז באַפֿאַלן אין אַזיע, אַז מיר האָבן שווער
געליטן איבער אונדזערע כּוחות, אַזוי, אַז מיר האָבן זיך אַפֿילו
9 מיאש געווען אין לעבן. יאָ, מיר אַליין האָבן גענומען אויף זיך
דעם פּסק פֿון טויט, כּדי מיר זאָלן זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף זיך
10 אַליין, נייערט אויף גאָט, וואָס איז מחַיֵה־מֵתים; וואָס האָט אונדז
מַציל געווען פֿון אַזאַ גרויסן טויט, און וועט אונדז מַציל זײַן; אין
וועמען מיר האָפֿן, אַז ער וועט אונדז אויך ווײַטער מַציל זײַן.
11 און אויך איר קענט מיטהעלפֿן דורך אײַער תּפֿילה טאָן, כּדי
פֿאַר דער מַתָּנה, וואָס איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן דורך אַ

סך

סך, זאָל דורך אַ סך אָפּגעגעבֿן ווערן אַ לויבֿ פֿון אונדזערטוועגן.
12 וואָרים דאָס איז אונדזער רימען זיך: די באַצייגעניש פֿון אונדזער
געוויסן, אַז מיר האָבֿן זיך געפֿירט אין דער וועלט אין הייליקייט
און ערנסטקייט פֿאַר גאָט, ניט אין פֿליישלעכער חָכמה, נייערט
13 אין דעם חֶסֶד פֿון גאָט, און בִּפֿרַט קעגן אייך. וואָרים מיר
שרייבֿן אייך ניט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וואָס איר לייענט, אָדער
פֿאַרשטייט; און איך פֿאַרהאָף, אַז איר וועט עס פֿאַרשטיין בֿיז
14 צום סוף, אַזוי ווי איר האָט אונדז אויך טיילווייַז פֿאַרשטאַנען, אַז
מיר זענען אייער רום, אַזוי ווי איר זענט אויך אונדזערער, אין דעם
15 טאָג פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ. און אין דער האָפֿענונג האָבֿ איך
בֿדעה געהאַט צו קומען קודם צו אייך, כּדי איר זאָלט האָבֿן אַ
16 טאָפּלטע פֿרייד, און דורכצוגיין דורך אייך קיין מאַקעדאָניע, און
פֿון מאַקעדאָניע ווידער אַמאָל צו קומען צו אייך, און פֿון אייך
17 צו ווערן אַרויסבֿאַגלייט אויף מיין וועג קיין יהודה. דעריבֿער,
בעת איך האָבֿ דאָס בֿדעה געהאַט, צי האָבֿ איך אַרויסגעוויזן
לייַכטזיניקייט? אָדער די זאַכן, וואָס איך פֿלאַן, טו איך פֿלאַנען
לויט דעם פֿלייש, כּדי בײַ מיר זאָל זיין דער יאָ, יאָ, און דער
18 ניין, ניין? נאָר ווי גאָט איז געטריי, אונדזער וואָרט צו אייך איז
19 ניט יאָ און ניין. וואָרים דער בֶּן־אֱלֹהִים, יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ, וואָס
איז צווישן אייך אָנגעזאָגט געוואָרן דורך אונדז, דורך מיר און
סילוואַנוסן און טימאָטעאוסן, איז ניט געווען יאָ און ניין, נייערט
20 אין אים איז תָּמיד יאָ. וואָרים אַלע הַבטָחות פֿון גאָט זענען אין
אים יאָ; דעריבֿער איז אויך דורך אים דער אָמֵן צו דעם כָּבוד
21 פֿון גאָט דורך אונדז. און דער, וואָס גרונטפֿעסטיקט אונדז מיט
22 אייך אין מָשיחַן, און האָט אונדז געזאַלבט, איז גאָט, וואָס האָט
אונדז פֿאַרחַתמעט, און אונדז געגעבֿן די עָרבות פֿון דעם גייסט
23 אין אונדזערע הערצער. און איך רוף גאָט צום עֵדות פֿאַר מיין
נשמה, אַז איך האָבֿ פֿאַרמיטן צו קומען קיין קאָרינט, כּדי אייך
24 צו שוינען. ניט, ווייל מיר האָבֿן מֶמשָלה איבער אייער אֱמונה,
נייערט מיר זענען מיטהעלפֿערס פֿון אייער שִׂמחה, וואָרים אין

אמונה

אֶמונה שטייט איר פֿעסט.
און איך האָב בײַ מיר אַליין געטראַכט, אַז איך וועל ווידער ניט ב
קומען צו אײַך מיט עַצבֿות. וואָרים אויב איך בין אײַך מצַער, 2
ווער איז דאָס דער, וואָס דערפֿרייט מיך, אויב ניט דער, וואָס איז
דורך מיר געקומען צו צַער? און איך האָב טאַקע געשריבן דאָס 3
דאָזיקע, כּדי ווען איך וועל קומען, זאָל איך ניט האָבן צַער פֿון
די, מיט וועמען איך דאַרף מיך פֿרייען, ווײַל איך בין זיכער אין
אײַך אַלע, אַז מײַן פֿרייד איז די פֿרייד פֿון אײַך אַלע. וואָרים 4
פֿון אַ סך צָרות און האַרץ־קלעמעניש האָב איך אײַך געשריבן
מיט אַ סך טרערן, ניט אײַך מצַער צו זײַן, נייערט כּדי איר
זאָלט פֿאַרשטיין די ליבע, וואָס איך האָב אַ סך מער פֿאַר אײַך.
נאָר אויב עמיצער האָט פֿאַרשאַפֿט צַער, האָט ער ניט מיר 5
פֿאַרשאַפֿט צַער, נייערט טיילווײַז אײַך אַלע – כּדי איך זאָל אײַך
ניט צו שווער דריקן. פֿאַר אַזאַ איינעם איז גענוג די שטראָף פֿון 6
דעם רַבים; אַזוי, אַז איר זאָלט אים, אַדרַבה, ליבער מוחל זײַן 7
און טרייסטן, כּדי ער זאָל ניט פֿאַרשלונגען ווערן אין זײַן גרויסן
צַער. בכֵן, בעט איך אײַך, אַז איר זאָלט באַווײַזן אײַער ליבע צו 8
אים. וואָרים צוליב דעם האָב איך טאַקע געשריבן, כּדי אײַך צו 9
פּרוּוון, צי איר זענט געהאָרכזאַם אין אַלצדינג. און וועמען איר 10
זענט מוחל, בין איך אויך מוחל. וואָרים וואָס איך האָב מוחל
געווען, אויב איך האָב עפּעס מוחל געווען, האָב איך עס מוחל
געווען פֿון אײַערטוועגן אין דעם אַנגעזיכט פֿון מָשיחַן, כּדי דער 11
שָׂטן זאָל ניט קריגן די איבערהאַנט איבער אונדז; וואָרים זײַנע
אינטריגעס זענען ניט פֿאַרהוילן פֿון אונדז. און בעת איך בין 12
געקומען קיין טראָאַס פֿונוועגן דער בשׂורה טובה פֿון מָשיחַן, און
אַ טיר איז פֿאַר מיר געעפֿנט געוואָרן אין דעם האַר, האָב איך 13
ניט געהאַט קיין מנוחה אין מײַן געמיט, מַחמת איך האָב ניט
געפֿונען טיטוסן, מײַן ברודער; און ווען איך האָב מיך געזעגנט
מיט זיי, בין איך אַרויסגעפֿאָרן קיין מאַקעדאָניע. אָבער געלויבט 14
איז גאָט, וואָס גיט אונדז תָּמיד דעם נצָחון אין מָשיחַן, און וואָס

טוט דורך אונדז אַנטפּלעקן דעם רֵיחַ פֿון זײַן חָכמה אין יעדן
15 אָרט. וואָרים מיר זענען אַ רֵיחַ נִחוֹחַ פֿון מָשִׁיחַן פֿאַר גאָט בײַ די,
16 וואָס ווערן נִיצול, און בײַ די, וואָס ווערן פֿאַרלוירן: פֿאַר טייל אַ
רֵיחַ פֿון טויט צום טויט, פֿאַר די אַנדערע אַ רֵיחַ פֿון לעבן צום
17 לעבן. און ווער איז רָאוי פֿאַר די דאָזיקע זאַכן? וואָרים מיר זענען
ניט ווי דער רַבים, וואָס מאַכן אַ מִסחר פֿון גאָטס וואָרט; נייערט
מיט ריינע כַּוָנות פֿאַר גאָט רעדן מיר פֿון גאָט אין מָשִׁיחַן.
ג צי הייבן מיר שוין ווידער אַמאָל־אָן צו לויבן זיך אַליין? אָדער
צי באַדאַרפֿן מיר, ווי סע טוען אַנדערע, לויב־בריוו צו אײַך,
2 אָדער פֿון אײַך? איר זענט אונדזער בריוו, פֿאַרשריבן אין
אונדזערע הערצער, באַקענט און געלייענט פֿון אַלע מענטשן;
3 וואָרים עס איז קלאָר צו זען, אַז איר זענט אַ בריוו פֿון מָשִׁיחַן,
צוגעגרייט דורך אונדז, געשריבן ניט מיט קיין טינט, נייערט
מיט דעם גייסט פֿון דעם לעבעדיקן גאָט, ניט אין לוחות פֿון
4 שטיין, נייערט אין לוחות, וואָס זענען הערצער פֿון פֿלייש. און
5 אַזאַ בִטָחון האָבן מיר דורך מָשִׁיחַן צו גאָט; ניט מַחמת מיר
זענען פֿעאִיק פֿון זיך אַליין צו באַטראַכטן עפּעס פֿון אונדז אַליין,
6 נייערט אונדזער פֿעאִיקייט איז פֿון גאָט, וואָס האָט אונדז אויך
געמאַכט פֿאַר פֿעאִיקע משָרתים פֿון אַ ברית־חדשה, ניט פֿון
דעם אות, נייערט פֿון דעם גייסט; וואָרים דער אות טייט, אָבער
7 דער גייסט מאַכט לעבעדיק. נאָר אויב די באַדינונג פֿון טויט,
געשריבן און אויסגעקריצט אויף שטיינער, איז געקומען מיט
הערלעכקייט, אַזוי, אַז די בנֵי־יִשׂרָאל האָבן ניט געקענט קוקן
אויף משהס פָּנים פֿונוועגן דער הערלעכקייט פֿון זײַן פָּנים,
8 וואָס זײַן הערלעכקייט איז געווען אַ צײַטווײַליקע, וויפֿל מער
דאַרף שוין זײַן די הערלעכקייט פֿון דער באַדינונג פֿון דעם
9 גייסט? וואָרים אויב די באַדינונג פֿון פֿאַרמִשפּטונג האָט געהאַט
הערלעכקייט, אַ סך מער שטייגט איבער אין הערלעכקייט די
10 באַדינונג פֿון רעכטפֿאַרטיקייט. וואָרים דאָס, וואָס איז געמאַכט
געוואָרן הערלעך, איז געמינערט געוואָרן אין הערלעכקייט,

צוליב דער הערלעכקייט, וואָס שטייגט זי אַריבער. וואָרים 11
אויב דאָס, וואָס פֿאַרגייט, איז געווען מיט הערלעכקייט, וויפֿל
מער איז אין הערלעכקייט דאָס, וואָס פֿאַרבלײַבט. דעריבער, 12
ווייל מיר האָבן אַזאַ האָפֿענונג, רעדן מיר מיט אַזאַ מוטיקייט,
און ניט אַזוי ווי משה, וואָס האָט אַרויפֿגעטאָן אַ מַסוֶה אויף זײַן 13
פָּנים, אַז די בני־ישׂראל זאָלן ניט קענען קוקן גלייך אויף דעם
סוף פֿון דעם, וואָס איז פֿאַרגאַנגען. זייערע מַחשָבות זענען 14
פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן; וואָרים ביז אויף דעם הײַנטיקן טאָג איז
דיזעלבע מַסוֶה פֿאַרבליבן בײַם לייענען די תּורה, און ער ווערט
ניט אַוועקגענומען, ביז ער ווערט אָפּגעטאָן אין מָשיחַן. יאָ, ביז 15
אויף הײַנטיקן טאָג, בשעת סע ווערט געלייענט תּורת־משה,
ליגט אַ מַסוֶה אויף זייער האַרץ. אָבער ווען זיי וועלן זיך 16
אומקערן צו דעם האַר, וועט דער צודעק אַוועקגענומען ווערן.
און דער האַר איז דער גייסט; און וואו סע איז דער גייסט פֿון 17
דעם האַר, דאָרט איז פֿרײַהייט. און מיר אַלע, וואָס זענען מיט 18
ניט קיין צוגעדעקט פָּנים ווי אין אַ שפּיגל די הערלעכקייט פֿון
דעם האַר, ווערן פֿאַרענדערט אין דער זעלבער ענלעכקייט פֿון
הערלעכקייט צו הערלעכקייט, אַזוי ווי דורך דעם גייסט פֿון דעם
האַר.
דעריבער, ווייל מיר האָבן מקַבל געווען די דאָזיקע עֲבודה ד
פֿון רַחמנות, ווערן מיר ניט אָפּגעשוואַכט. מיר האָבן זיך 2
אָפּגעזאָגט פֿון די פֿאַרבאָרגענע זאַכן פֿון בושה, ווייל מיר
לעבן ניט אין כיטרעקייט, אויך פֿעלשן מיר ניט דאָס וואָרט
פֿון גאָט, נייערט דורך דער אַנטפּלעקונג פֿון דעם אֶמת
פֿאַרלויבן מיר זיך פֿאַר דעם געוויסן פֿון יעדן מענטשן פֿאַר
גאָט. און אויב אַפילו אונדזער בשׂורה טובה איז פֿאַרהוילן, 3
איז זי פֿאַרהוילן בײַ יענע, וואָס ווערן פֿאַרלוירן, בײַ וועמען 4
דער אָפּגאָט פֿון דער וועלט האָט פֿאַרבלענדט די מוחות פֿון
די אומגלויביקע, כּדי דאָס ליכט פֿון דער בשׂורה טובה פֿון
מָשיחס הערלעכקייט, וואָס איז דאָס אָפּבילד פֿון גאָט, זאָל
ניט

5 ניט אויפֿגיין איבער זיי. וואָרים מיר דרשענען ניט זיך אַליין,
נייערט יֵשוּעַ הַמָשִיחַ פֿאַר דעם האַר, און אונדז אַליין פֿאַר
6 אײַערע קנעכט פֿון יֵשוּעס־וועגן. וואָרים עס איז גאָט, וואָס
האָט געזאָגט: זאָל אַרויסשײַנען ליכט פֿון פֿינצטערניש, וואָס
האָט אַרײַנגעלויכטן אין אונדזערע הערצער, כּדי צו געבן ליכט
פֿון דער דערקענטעניש פֿון גאָטס הערלעכקייט אין דעם פּנים
7 פֿון מָשִיחַן. מיר אָבער האָבן דעם דאָזיקן אוצר אין ערדענע
כֵּלים, כּדי די אויסערגעוויינלעכע גרויסקייט פֿון דער מאַכט
8 זאָל זײַן פֿון גאָט און ניט פֿון אונדז אַליין. מיר ווערן געדריקט
אויף יעדער זייט, דאָך ניט דערדריקט; צעמישט, דאָך ניט בּיז
9 יִאוּש; גערודפֿט, דאָך ניט פֿאַרלאָזט; אַנידערגעוואָרפֿן, דאָך ניט
10 אומגעבראַכט; מיר טראָגן בּאַשטענדיק אַרום אין דעם לײַב
דאָס שטאַרבן פֿון יֵשוּעַן, כּדי אויך דאָס לעבן פֿון יֵשוּעַן זאָל
11 אַנטפּלעקט ווערן אין אונדזער לײַב. וואָרים מיר, וואָס לעבן,
זענען תָּמיד איבערגעענטפֿערט צום טויט פֿון יֵשוּעס־וועגן, כּדי
אויך דאָס לעבן פֿון יֵשוּעַן זאָל אַנטפּלעקט ווערן אין אונדזער
12 שטאַרבלעכן לײַב. און דעריבער ווירקט דער טויט אין אונדז,
13 אָבער דאָס לעבן אין אײַך. און ווײַל מיר האָבן דעם זעלבן
גייסט פֿון אֱמוּנה, לויט ווי עס שטייט געשריבן: איך האָב
געגלויבט, דערפֿאַר האָב איך גערעדט, און דעריבער גלויבן
14 מיר אויך, און רעדן אַזוי, ווײַל מיר ווייסן, אַז דער, וואָס האָט
אויפֿגעוועקט דעם האַר יֵשוּעַ, וועט אויך אונדז אויפֿוועקן מיט
יֵשוּעַן, און וועט אונדז אינאיינעם מיט אײַך פֿירשטעלן פֿאַר אים.
15 וואָרים אַלצדינג איז פֿון אײַערטוועגן, כּדי דער חֶסֶד, וואָס ווערט
פֿאַרגרעסערט דורך דעם רַבּים, זאָל פֿאַרמערן דעם שבַח צום
16 כָּבוד פֿון גאָט. דעריבער ווערן מיר ניט אַנטמוטיקט; און הַגַם
אונדזער אויסערלעכער מענטש ווערט פֿאַרלענדט, ווערט אָבער
אונדזער אינעווייניקסטער מענטש בּאַנײַט פֿון טאָג צו טאָג.
17 וואָרים אונדזער גרינגע פּײַן, וואָס איז נאָר אויף אַ רֶגע, ווירקט
פֿאַר אונדז אַ מער אויסערגעוויינלעכע געוויכטיקייט פֿון אייבּיקן

18 כָּבוד, ווייל מיר קוּקן ניט אויף די זאַכן, וואָס ווערן געזען, נייערט
אויף די זאַכן, וואָס ווערן ניט געזען; וואָרים די זאַכן, וואָס ווערן
געזען, זענען צייַטווייליק; אָבֿער די זאַכן, וואָס ווערן ניט געזען,
זענען אייבֿיק.
ה וואָרים מיר ווייסן, אַז אויבֿ דאָס ערדישע הויז פֿוּן אוּנדזער
געצעלט ווערט צעשטערט, האָבֿן מיר אַ בִּנין פֿוּן גאָט, אַ
2 הויז, ניט געמאַכט מיט הענט, אַן אייבֿיקס אין הימל. וואָרים
דעריבֿער זיפֿצן מיר, און בענקען באַקליידט צוּ ווערן מיט
3 אוּנדזער וואוינאָרט, וואָס איז פֿוּן הימל; און אויבֿ מיר וועלן אַזוי
4 זיין באַקליידט, וועלן מיר ניט געפֿוּנען ווערן נאַקעט. וואָרים
מיר, וואָס זענען אין דעם דאָזיקן געצעלט, זיפֿצן צוּליבֿ דער
מַשׂא, ווייל מיר וואָלטן ניט וועלן זיין אויסגעטאָן, נייערט צוּ
זיין באַקליידט, כּדי וואָס עס איז שטאַרבלעך זאָל פֿאַרשלוּנגען
5 ווערן פֿוּן דעם לעבֿן. און דער, וואָס האָט אוּנדז צוּגעגרייט
דערצוּ, איז גאָט, וואָס האָט אוּנדז געגעבֿן די עָרבֿות פֿוּן דעם
6 גייסט. מיר זענען דעריבֿער תָּמיד גוּט אויפֿגעלייגט און ווייסן,
אַז כָּל־זמַן מיר זענען אין דער היים אין דעם לייַבֿ, זענען מיר
7 דערווייַטערט פֿוּן דעם האַר; וואָרים מיר לעבֿן דוּרך אֶמוּנה, ניט
8 דוּרך ראִיה. מיר זענען גוּט אויפֿגעלייגט, און ווילן ליבֿער זיין
דערווייַטערט פֿוּן דעם לייַבֿ, און אין דער היים מיט דעם האַר.
9 דעריבֿער מאַכן מיר דאָס אויך פֿאַר אוּנדזער ציל, צי מיר זענען
אין דער היים, אָדער דערווייַטערט, אים וואוילגעפֿעלן צוּ זיין.
10 וואָרים מיר מוּזן אַלע אַנטפּלעקט ווערן פֿאַר דעם כִּסֵא־הַמִשפּט
פֿוּן מָשיחַן, כּדי יעדער איינער זאָל מקַבּל זיין דאָס, וואָס ער האָט
11 געטאָן אין דעם לייַבֿ, סיי גוּטס, אָדער שלעכטס. דעריבֿער, ווייל
מיר קענען די יִרַת־השם, איבֿערצייגן מיר מענטשן; פֿאַר גאָט
אָבֿער זענען מיר אַנטפּלעקט; און איך האָף, אַז מיר ווערן אויך
12 אַנטפּלעקט אין אייער געוויסן. מיר לויבֿן זיך ניט ווידער אַמאָל
פֿאַר אייך, נייערט געבֿן אייך אַ געלעגנהייט פֿוּן רימען זיך אין
אוּנדז, כּדי איר זאָלט האָבֿן מיט וואָס אָפּצוּענטפֿערן די, וואָס

רימען

13 רימען זיך לפָּנים־וועגן, און ניט אין האַרצן. וואָרים אויב מיר
זענען משוגע, איז דאָס פֿאַר גאָט; זענען מיר אָבער ביים קלאָרן
14 שֵׂכל, איז דאָס פֿאַר אייך. וואָרים די ליבשאַפֿט פֿון מָשיחַן
האַלט אונדז צוריק, מַחמת מיר מִשפּטן אַזוי, אַז אויב איינער איז
15 געשטאָרבן פֿאַר אַלע, זענען דעריבער אַלע געשטאָרבן. און
ער איז געשטאָרבן פֿאַר אַלע, כּדי די, וואָס לעבן, זאָלן מער
ניט לעבן פֿאַר זיך אַליין, נייערט פֿאַר אים, וואָס איז געשטאָרבן
16 פֿון זייערטוועגן און איז אויפֿגעשטאַנען. דעריבער קענען מיר
פֿון איצטמאָל־אָן קיינעם ניט לויט דעם פֿלייש. און הַגם מיר
האָבן אויך געקענט מָשיחַן לויט דעם פֿלייש, טוען מיר עס פֿון
17 איצטמאָל־אָן ניט מער. דעריבער, אויב עמיצער איז אין מָשיחַן,
איז ער אַ נײַע באַשאַף; די אַלטע זאַכן זענען פֿאַרגאַנגען; זע, זיי
18 זענען געוואָרן נײַ. און אַלצדינג איז פֿון גאָט, וואָס האָט אונדז
מיט זיך דורך מָשיחַן איבערגעבעטן, און האָט אונדז געגעבן
19 די עֲבודה פֿון איבערבעטונג; דאָס הייסט, גאָט איז געווען אין
מָשיחַן און האָט איבערגעבעטן די וועלט מיט זיך, און זיי ניט
צוגערעכנט זייערע עֲבֵירות, און האָט אונדז איבערגעענטפֿערט
20 דאָס שלִיחות פֿון איבערבעטונג. מיר זענען דעריבער די
שלִיחים פֿון מָשיחַן, גלייך ווי גאָט וואָלט זיך געבעטן דורך
אונדז; מיר בעטן אייך פֿונוועגן מָשיחַן, בעט אייך איבער מיט
21 גאָט. וואָרים דעם, וואָס האָט ניט געקענט קיין זינד, האָט ער
געמאַכט צו זיין אַ זינד פֿון אונדזערטוועגן, כּדי מיר זאָלן ווערן די
רעכטפֿאַרטיקייט פֿון גאָט אין אים.
ו און ווייל מיר מִיען זיך אינאיינעם מיט אים, בעטן מיר אייך,
אַז איר זאָלט ניט מקַבל זיין דעם חֶסֶד פֿון גאָט אומזיסט.
2 ווארים ער זאָגט: אין אַ באַווילִיקטער צייט האָב איך דיך
דערהערט, און אין אַ טאָג פֿון ישועה האָב איך דיר געהאָלפֿן.
אָט איצט איז די באַווילִיקטע צייט; אָט איצט איז דער טאָג
3 פֿון ישועה. ווייל מיר גיבן ניט קיין מִכשול אין עפּעס, כּדי
4 אונדזער עֲבודה זאָל ניט ווערן צו שאַנד; נייערט אין אַלצדינג
ווייזן

ווייזן מיר זיך אַרויס ווי באַדינער פֿון גאָט: אין אַ סך געדולד,
5 אין צרות, אין נויטן, אין דחקות, אין מלקות, אין זיצן אין
תּפֿיסות, אין מהומות, אין מיאונגען, אין וואַכן, אין תּעניתים;
6 אין ריינקייט, אין קענטעניש, אין פֿיל ליידן, אין גוטסקייט, אין
7 דעם רוח־הקודש, אין ניט קיין צבֿיעותדיקער ליבע, אין דעם
וואָרט פֿון אמת, אין דער גבֿורה פֿון גאָט; דורך די כּלי־זין
פֿון רעכטפֿאַרטיקייט אין דער רעכטער האַנט און אין דער
8 לינקער; דורך כּבֿוד און בושה, דורך אַ שלעכטן שם און אַ
9 גוטן שם; ווי אָפּנאַרער, און דאָך וואָרהאַפֿטיק; ווי אומבאַקענטע,
און דאָך אַנערקענט, ווי שטאַרבנדיקע, און זע, מיר לעבן; ווי
10 געשטראָפֿטע, און ניט געטייטע; ווי פֿאַרטרויערטע, דאָך תּמיד
זיך פֿרייענדיק; ווי אָרעמע, דאָך מאַכן מיר רייך אַ סך; ווי מיר
וואָלטן גאָרניט פֿאַרמאָגט, און דאָך ווי מיר וואָלטן פֿאַרמאָגט
11 אַלצדינג. אונדזער מויל איז געעפֿנט פֿאַר אייך, אָ קאָרינטער;
12 אונדזער האַרץ איז אויסגעברייטערט. איר זענט ניט באַגרענעצט
פֿון אונדז, נייערט איר זענט באַגרענעצט פֿון אייערע אייגענע
13 עמאָציעס. און פֿאַר אַ פֿאַרגעלטונג אויף אַן ענלעכן אופֿן –
איך רעד ווי צו קינדער – ווערט אַליין אויך אויסגעברייטערט.
14 זייט ניט אומגלייך פֿאַריאָכט מיט אומגלייביקע; וואָרים וואָסער
חבֿרשאַפֿט האָט רעכטפֿאַרטיקייט מיט אומרעכט? אָדער
15 וואָסער שותּפֿות האָט ליכט מיט פֿינצטערניש? און וואָסער
הסכּמה האָט משיח מיר בליעלן? אָדער וואָסער חלק האָט
16 אַ מאמין מיט אַן אומגלייביקן? און וואָסער אָפּמאַך האָט דער
היכל פֿון גאָט מיט אָפּגעטער? וואָרים מיר זענען דער היכל
פֿון דעם לעבעדיקן גאָט, אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט: איך וועל
וואוינען צווישן זיי, און אומגיין צווישן זיי, און איך וועל זיין זייער
17 גאָט, און זיי וועלן זיין מיין פֿאָלק. דעריבער קומט אַרויס פֿון
צווישן זיי, און שיידט אייך אָפּ, זאָגט גאָט, און באַרירט ניט קיין
18 טמא זאַך; און איך וועל אייך אויפֿנעמען, און וועל זיין פֿאַר אייך
אַ פֿאָטער, און איר וועט מיר זיין זין און טעכטער, זאָגט יהוה

צבאות

צבָאות.
ז דעריבער, ווײַל מיר האָבן די דאָזיקע הבטחות, באַליבטע,
לאָמיר זיך רייניקן פֿון יעדער באַפֿלעקונג פֿון פֿלייש און גייסט,
2 מַשלים צו זײַן הייליגקייט מיט יִראַת־השם. עפֿנט אײַערע
הערצער פֿאַר אונדז; מיר האָבן קיינעם ניט געטאָן קיין עוולה,
מיר האָבן קיינעם ניט פֿאַרדאָרבן, מיר האָבן קיינעם ניט
3 אויסגענוצט. איך זאָג עס, ניט צו פֿאַרמשפּטן אײַך, וואָרים איך
האָב פֿריִער געזאָגט, אַז איר זענט אין אונדזערע הערצער, צו
4 שטאַרבן צוזאַמען און צו לעבן צוזאַמען. גרויס איז מײַן בטָחון
אין אײַך, גרויס איז מײַן רימען זיך פֿון אײַערטוועגן; איך בין פֿול
מיט טרייסט, איך גיי איבער מיט שׂמחה אין אַלע אונדזערע
5 צָרות. וואָרים אַפֿילו ווען מיר זענען געקומען קיין מאַקעדאָניע,
האָט אונדזער לײַב ניט געהאַט קיין מנוחה, נייערט מיר האָבן
געליטן פֿון אַלע זײַטן ־ פֿון דרויסן מלחָמות, און אינעווייניק
6 מורא. אָבער גאָט, וואָס טוט טרייסטן די שפּלדיקע, האָט אונדז
7 געטרייסט דורך דעם קומען פֿון טיטוסן. און ניט בלויז דורך זײַן
קומען, נייערט אויך דורך דער טרייסט, מיט וועלכער ער איז
געטרייסט געוואָרן אין אײַך, בשעת ער האָט אונדז דערציילט
פֿון אײַער גאַרן, אײַער צַער, אײַער אײַפֿעריקייט נאָך מיר, אַזוי,
8 אַז איך האָב מיך נאָך מער געפֿרייט. וואָרים אויב אַפֿילו איך
האָב אײַך מצַער געווען מיט מײַן בריוו, האָב איך דערויף קיין
חַרטה ניט געהאַט (הַגם איך האָב יאָ חַרטה געהאַט), וואָרים
איך זע, אַז יענער בריוו האָט אײַך מצַער געווען, הַגם נאָר
9 אויף אַ צײַט. אָבער איצט פֿריי איך מיך, ניט ווײַל איר האָט
זיך מצַער געווען, נייערט ווײַל איר האָט זיך מצַער געווען צו
תשובה. וואָרים איר האָט זיך מצַער געווען אויף אַ געטלעכן
אופֿן, כּדי איר זאָלט דורך אונדז ניט לײַדן קיין הֶיזק אין קיין
10 שום זאַך. וואָרים געטלעכער צַער איז גורם תשובה צו ישועה,
וואָס ברענגט ניט קיין חַרטה; אָבער דער צַער פֿון דער וועלט
11 איז גורם מיתה. וואָרים זעט, גראָד דאָס, וואָס איר האָט זיך
מצער

מצער געוועזן אויף אַ געטלעכן אופֿן, וואָסער אײפֿעריקייט זי
האָט געווירקט אין אײַך, וואָסער רעכטפֿאַרטיקונג פֿון זיך אַליין,
וואָסער צאָרן, וואָסער מורא, וואָסער בענקשאַפֿט, וואָסער קנאה,
וואָסער באַשטראָפֿונג! אין אַלצדינג האָט איר זיך אַרויסגעוויזן
12 צו זײַן ריין אין דעם ענין. דעריבער, הגם איך האָב אײַך
געשריבן, האָב איך ניט געשריבן פֿונוועגן דעם, וואָס האָט
געטאָן דאָס אומרעכט, אויך ניט פֿונוועגן דעם, וואָס האָט
געליטן דאָס אומרעכט, נייערט כּדי אײַער אײפֿעריקייט פֿאַר
אונדז זאָל אַנטפּלעקט ווערן פֿאַר אײַך אין דעם אָנגעזיכט פֿון
13 גאָט. דעריבער זענען מיר געטרייסט געוואָרן. און אין אונדזער
טרייסט האָבן מיר זיך נאָך מער געפֿרייט פֿונוועגן דער פֿרייד
פֿון טיטוסן, מחמת זײַן גייסט איז דערקוויקט געוואָרן דורך אײַך
14 אַלע. וואָרים אויב איך האָב מיך אין עפּעס גערימט פֿאַר אים
פֿונוועגן אײַך, בין איך ניט פֿאַרשעמט געוואָרן; נייערט אַזוי ווי
מיר האָבן אַלץ צו אײַך גערעדט אין וואָרהאַפֿטיקייט, אַזוי האָט
זיך אויך אונדזער רימען זיך פֿאַר טיטוסן אַרויסגעוויזן צו זײַן
15 אמת. און זײַן האַרץ גייט שטאַרק אויס צו אײַך, בשעת ער
דערמאָנט זיך אין אײַער אַלעמענס געהאָרכזאַמקייט, וויאַזוי איר
16 האָט אים אויפֿגענומען מיט פֿאַרכטיקייט און ציטערניש. איך
פֿריי מיך, וואָס איך קאָן מיך אין אַלצדינג אויף אײַך פֿאַרלאָזן.
ח און מיר לאָזן אײַך וויסן, ברידער, דעם חסד פֿון גאָט, וואָס
2 איז געגעבן געוואָרן צו די קהילות פֿון מאַקעדאָניע, וויאַזוי
אין נסיונות פֿון צרות האָט זיך די שפֿע פֿון זייער פֿרייד און
זייער טיפֿער אָרעמקייט פֿאַרמערט אין דער עשירות פֿון זייער
3 גוטסקייט. וואָרים זיי האָבן געגעבן לויט זייער כּוח, ווי איך קאָן
4 עדות־זאָגן, און אַפֿילו איבער זייערע כּוחות, פֿרײַוויליק, און האָבן
אונדז שטאַרק געבעטן פֿונוועגן דעם חסד און די שותּפֿותדיקייט
5 אין דער הילף פֿאַר די הייליקע, און דאָס, ניט ווי מיר האָבן
געהאָפֿט, נייערט קודם־כּל האָבן זיי זיך אַליין געגעבן צו דעם
6 האַר, און צו אונדז דורך דעם רצון פֿון גאָט. אויף אַזויפֿיל, אַז

מיר

מיר האָבן געראָטן טיטוסן, אַז אַזוי ווי ער האָט פֿריִער געמאַכט
אַן אָנהייב, אַזוי זאָל ער אויך פֿאַרענדיקן בײַ אײַך דעם דאָזיקן
7 חֶסֶד. אָבער אַזוי ווי איר האָט געמערט אין אַלצדינג, אין אֶמוּנה,
און תּורה, און קענטעניש, און אין יעדער אײפֿעריקייט, און אין
אײַער ליבע צו אונדז, אַזוי זאָלט איר אויך מערן אין דעם דאָזיקן
8 חֶסֶד. איך רעד ניט בְּדֶרֶך געבאָט, נייערט כּדי צו פּרוּוון דורך
דער אײפֿעריקייט פֿון אַנדערע אויך די ערלעכקייט פֿון אײַער
9 ליבע. וואָרים איר קענט דעם חֶסֶד פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ, וואָס הַגַם ער איז געווען רײַך, דאָך פֿון אײַערטוועגן איז
ער געוואָרן אָרעם, כּדי איר זאָלט דורך זײַן אָרעמקייט ווערן
10 רײַך. און דערין גיב איך מײַן מיינונג; וואָרים דאָס איז נוצלעך
פֿאַר אײַך, וואָס זענט געווען פֿון די ערשטע צו מאַכן אַן אָנהייב
11 מיט אַ יאָר צוריק, ניט נאָר צו טאָן, נייערט אויך צו וועלן. אַצינד
אָבער פֿאַרענדיקט אויך די טוּאונג, כּדי ווי עס איז געווען די
ווילִיקייט צו וועלן, אַזוי זאָל אויך זײַן די פֿאַרענדיקונג לויט אײַער
12 מעגלעכקייט. וואָרים אויב די ווילִיקייט איז פֿאַראַן, ווערט זי
אָנגענומען לויט דעם, וואָס מע פֿאַרמאָגט, און ניט לויט דעם,
13 וואָס מע פֿאַרמאָגט ניט. וואָרים איך זאָג דאָס ניט, כּדי אַנדערע
זאָל פֿאַרלײַכטערט ווערן און איר זאָלט באַדרענגט ווערן;
14 נייערט דורך גלײַכקייט זאָל אײַער שֶפַע אין דער איצטיקער
צײַט זײַן אַ הילף פֿאַר זייער מאַנגל, כּדי זייער שֶפַע זאָל אויך
ווערן אַ הילף פֿאַר אײַער מאַנגל, כּדי עס זאָל זײַן אַ גלײַכקייט;
15 ווי סע שטייט געשריבן: דער, וואָס האָט געקליבן פֿיל, האָט
ניט געהאַט איבעריק; און דער, וואָס האָט געקליבן ווינציק,
16 האָט ניט געהאַט קיין מאַנגל. אָבער בָּרוּך־השם, וואָס האָט
אַרײַנגעגעבן די זעלבע ערנסטע זאָרג פֿונוועגן אײַך אין דעם
17 האַרצן פֿון טיטוסן. וואָרים ער האָט ניט נאָר אָנגענומען אונדזער
בַּקָשה, נייערט ווײַל ער איז געווען זייער אײפֿעריק, איז ער אַוועק
18 צו אײַך לויט זײַן אייגענעם ווילן. און מיר האָבן צוזאַמען מיט
אים געשיקט דעם ברודער, וואָס זײַן לויב אין דער בּשׂוֹרה טובה

19 גייט איבער אַלע קהִילות; און ניט נאָר דאָס, נייערט ער איז
איך אויסדערוויילט פֿון די קהִילות צו ציען מיט אונדז אין דעם
ענין פֿון דעם דאָזיקן חֶסֶד, וואָס ווערט געטאָן דורך אונדז פֿאַר
20 דעם כָּבוד פֿון דעם האַר, און צו אונדזער דערמוטיקונג. און
מיר היטן זיך, אַז קיינער זאָל אונדז ניט באַשולדיקן אין דעם
ענין פֿון דער דאָזיקער רייכער מַתָּנה, וואָס ווערט אויסגעפֿירט
21 דורך אונדז. וואָרים מיר זוכן ניט נאָר וואָס איז רעכט אין די
אויגן פֿון דעם האַר, נייערט אויך אין די אויגן פֿון מענטשן.
22 און מיר האָבן מיט זיי געשיקט אונדזער ברודער, וועמען מיר
האָבן אַ סך מאָל אויסגעפּרוּווט און געפֿונען אייפֿעריק אין אַ
סך זאַכן, און וואָס איז אַצינד נאָך אַ סך אייפֿעריקער, דורך זיין
23 גרויסן בִּטָחון אין אייך. און וואָס שַייך טיטוסן, איז ער מיין שותּף
און מיטאַרבעטער פֿאַר אײַערטוועגן; און וואָס שַייך אונדזערע
ברידער, זענען זיי שלִיחים פֿון די קהִילות, און אַ כָּבוד פֿאַר
24 מָשיחַן. בכֵן, ווייזט זיי פֿאַר די קהִילות דעם סִימן פֿון אייער
ליבע, און פֿון אונדזער רימען זיך פֿון אײַערטוועגן.
ט און בנוגע דער הילף פֿאַר די הייליקע, איז פֿאַר מיר איבעריק
2 אייך צו שרייבן; וואָרים איך קען אייער ווילִיקייט, מיט וועלכער
איך רים מיך פֿון אײַערטוועגן פֿאַר די מענטשן פֿון מאַקעדאָניע,
אַז אַכאַיאַ איז שוין געווען אָנגעברייט מיט אַ יאָר צוריק; און
אייער אייפֿעריקייט האָט אויפֿגעמאָנטערט גאָר אַ סך פֿון זיי.
3 אָבער איך האָב געשיקט די ברידער, כּדי אונדזער רימען זיך
פֿונוועגן אייך זאָל בנוגע דעם ניט זיין אומזיסט, כּדי, אַזוי ווי איך
4 האָב געזאָגט, איר זאָלט זיין אָנגעברייט. ווייל טאָמער וועט
ווער פֿון די מאַקעדאָניער מיט מיר קומען, און אייך געפֿינען ניט
אָנגעברייט, זאָלן מיר - איך וויל ניט זאָגן איר - פֿאַרשעמט
5 ווערן אין דעם דאָזיקן בִּטָחון. איך האָב דעריבער געהאַלטן
פֿאַר נייטיק צו בעטן די ברידער, אַז זיי זאָלן קודם גיין צו
אייך, און זאָלן צוגרייטן אייער פֿריער־צוגעזאָגטע נדָבה, כּדי
זי זאָל זיין אָנגעברייט ווי אַ בּרָכה, און ניט ווי אַ געניטטע
זאך

6 זאַך. דאָס זאָלט איר וויסן: דער, וואָס זייט קאַרגלעך, וועט
אויך שניידן קאַרגלעך, און דער, וואָס זייעט בשפע, וועט אויך
7 שניידן בשפע. זאָל יעדער טאָן ווי ער האָט בדעה אין זיין
האַרצן; ניט פאַרדראָסיק, אָדער געצוואונגען; וואָרים גאָט האָט
8 ליב אַ פרייליעכן נדבן. און גאָט איז ביכולת צו פאַרמערן
אייך יעדן חסד, אַזוי, אַז איר זאָלט תמיד האָבן אין אַלץ גענוג,
9 און זאָלט זיך מערן אין אַלערליי מעשׂים טובים, ווי סע שטייט
געשריבן: ער האָט צעשפּרייט אומעטום, ער האָט געגעבן
10 די אָרעמע, זיין רעכטפאַרטיקייט באַשטייט אויף אייביק. און
דער, וואָס גיט זריעה דעם זייער, און ברויט פאַר שפּייז, וועט
פאַרמערן אייער זריעה, און לאָזן וואַקסן די פּרוכט פון אייער
11 רעכטפאַרטיקייט. איר וועט נתעשר ווערן אין אַלצדינג פאַר
יעדער ברייטהאַרציקייט, וואָס ווירקט דורך אונדז צום לויב פון
12 גאָט; וואָרים די אַרבעט פון דער דאָזיקער עבודה איז ניט נאָר
ממלא די באַדערפעניש פון די הייליקע, נייערט פאַרמערט זיך
13 אויך דורך פיל לויב צו גאָט. און דורך אייער פאַסיקייט אין דער
דאָזיקער אַרבעט, לויבן זיי גאָט פאַר דער געהאָרכזאַמקייט פון
אייער מודה זיין זיך אין דער בשׂורה טובה פון משיחן, און פאַר
דער ברייטהאַרציקער ביישטייערונג פאַר זיי און פאַר אַלעמען;
14 און מיט תפילה פאַר אייך בענקען זיי נאָך אייך, צוליב דעם
15 גרויסן חסד פון גאָט אין אייך. אַ לויב צו גאָט פאַר זיין מתּנה,
וואָס איז ניט צום איבערדערציילן.

י און איך אַליין, פּאָולוס, בין אייך מזהיר דורך דער ענוות און
איידלקייט פון משיחן, איך, וואָס אין אייער קעגנוואַרט בין איך
קליין צווישן אייך, אָבער פון דערווייטנס בין איך טוטיק לגבי
2 אייך. איך בעט אייך, אַז ווען איך וועל זיין ביי אייך, זאָל איך
ניט דאַרפן אַרויסווייזן קיין תקיפות מיט דער זיכערקייט, מיט
וועלכער איך רעכן צו זיין שטרענג קעגן טייל, וואָס טראַכטן
3 וועגן אונדז ווי מיר וואָלטן געלעבט לויט דעם פלייש. וואָרים
חגם מיר לעבן אין דעם פלייש, פירן מיר ניט קיין מלחמה
לויט

4 לויט דעם פֿלייש, וואָרים די כּלֵי־זַיִן פֿון אונדזער מִלְחָמָה־פֿירונג
זענען ניט לויט דעם פֿלייש, נייערט זענען מעכטיק פֿאַר גאָט
5 אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿעסטונגען. מיר צעוואַרפֿן געדאַנקען, און יעדע
הויכע זאַך, וואָס איז דערהויבּן קעגן דער דערקענטעניש פֿון
גאָט, און נעמען יעדע מַחֲשָׁבָה אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו דער
6 געהאָרכזאַמקייט פֿון מָשִׁיחַן, און זענען אָנגעבּרייט צו שטראָפֿן
פֿאַר יעדער אוּמגעהאָרכזאַמקייט, בּעת אייער געהאָרכזאַמקייט
7 וועט זיין דערפֿילט. קוקט אויף דעם, וואָס איז פֿאַר אייערע
אויגן. אויב עמיצער איז בּיי זיך זיכער, אַז ער געהערט מָשִׁיחַן,
זאָל ער דאָס נאָכאַמאָל איבּערטראַכטן אין זיך אַליין, אַז אַזוי ווי
8 ער געהערט מָשִׁיחַן, אַזוי געהערן אויך מיר. וואָרים אויב אַפֿילו
איך זאָל מיך רימען אַבּיסל צופֿיל פֿונוועגן אונדזער רשות, וואָס
דער האַר האָט אונדז געגעבּן פֿאַר אייער אויפֿבּויאונג, און ניט
9 פֿאַר אייער צעשטערונג, וועל איך ניט פֿאַרשעמט ווערן, כּדי איך
זאָל ניט אויסזען ווי איך וואָלט אייך וועלן דערשרעקן מיט מיינע
10 בּריוו. וואָרים זיינע בּריוו, זאָגן זיי, זענען חָשוּב און שטאַרק,
אָבּער ווען ער גופֿא איז בּיי אונדז, איז ער שוואַך, און זיין רעדן
11 איז אָן מַמָשוּת. זאָל אַזאַ איינער דאָס בּאַרעכענען, אַז וואָס מיר
זענען אין וואָרט דורך בּריוו, ווען מיר זענען אָפּוועזנד, זענען מיר
12 אויך אין מַעֲשִׂים, ווען מיר זענען אָנוועזנד. וואָרים מיר נעמען זיך
ניט אונטער צו רעכענען, אָדער צו פֿאַרגלײַכן זיך מיט די, וואָס
לויבּן זיך אַליין. שוין מיט דעם, וואָס זיי מעסטן זיך מיט זיך אַליין,
און פֿאַרגלײַכן זיך מיט זיך אַליין, זענען זיי אָן פֿאַרשטענדעניש.
13 מיר אָבּער וועלן זיך ניט רימען איבּער אונדזער מאָס, נייערט
לויט דער מאָס פֿון דעם גבֿול, וואָס גאָט האָט אונדז צוגעטיילט
14 ווי אַ מאָס, אייך אַפֿילו צו דערגרייכן. וואָרים מיר שטרעקן זיך
ניט אויס צופֿיל, גלייך ווי מיר וואָלטן ניט דערגרייכט בּיז צו
אייך, וואָרים מיר זענען אַפֿילו דערגאַנגען בּיז צו אייך אין דער
15 בּשׂוּרה טובֿה פֿון מָשִׁיחַן. מיר רימען זיך ניט איבּער אונדזער
מאָס אין אַנדערע מענטשנס מִיאוּנגען; מיר האָפֿן אָבּער, אַז

וואס

וואָס מער אייער אֱמונה וועט וואַקסן, וועלן מיר גרעסער ווערן
16 ביי אייך לויט אונדזער גרעניץ צו ווייטערער שֶפע, כּדי צו
פֿראָקלאַמירן די בשׂורה טובה אַפֿילו אין די געגנטן ווייטער פֿון
אייך, און ניט צו רימען זיך מיט דעם, וואָס איז אָנגעברייט אין
17 דעם גבול פֿון אַנדערע. דער אָבער, וואָס רימעט זיך, לאָז ער
18 זיך רימען אין גאָט. וואָרים ניט דער, וואָס לויבט זיך אַליין איז
באַוויליקט, נייערט דער, וועמען גאָט לויבט.
יא הַלוואַי וואָלט איר מיך געקענט פֿאַרטראָגן אין אַ ביסל
2 נאַרישקייט. יאָ איר פֿאַרטראָגט מיך אויך! איך בין אייך מקַנא
מיט אַ געטלעכער קִנאה; וואָרים איך האָב אייך פֿאַרקנַסט צו
אַ מאַן, כּדי איך זאָל אייך פֿירשטעלן ווי אַ ריינע בתולה פֿאַר
3 מָשיחַן. איך האָב אָבער מורא, טאָמער, ווי די שלאַנג האָט
מיט איר לִיסטיקייט אָפּגעגאַרט חַוָהן, אַזוי וועלן אויך אייערע
מַחשָבות פֿאַרפֿירט ווערן פֿון דער תּמִימות און לויטערקייט, אין
4 שייַכות צום מָשיחַ. וואָרים אויב סע זאָל ווער קומען, און אייך
אַנזאָגן אַן אַנדערן יֵשוּעַ, וועמען מיר האָבן ניט פֿראָקלאַמירט,
אָדער אויב איר וועט מקַבל זיין אַן אַנדערן גייסט, וואָס איר
האָט ניט מקַבל געווען, אָדער אַן אַנדערע בשׂורה, וואָס איר
5 האָט ניט אָנגענומען, פֿאַרטראָגט איר אים גוט. וואָרים איך מיין,
אַז איך בין ניט הינטערשטעליק די סאַמע גרעסטע שלִיחים.
6 און הַגם איך בין פּראָסט אין רעדן, בין איך עס אָבער ניט אין
קענטעניש; ניין, אויף יעדן אופֿן האָבן מיר דאָס אַנטפּלעקט
7 צו אייך אין אַלצדינג. אָדער האָב איך באַגאַנגען אַ זינד אין
דערנידעריקן זיך אַליין, כּדי איר זאָלט דערהויבן ווערן, מַחמת
איך האָב פֿאַר אייך אָנגעזאָגט אומזיסט די בשׂורה טובה פֿון
8 גאָט? איך האָב גערויבט אַנדערע קְהִילות, בעת איך האָב
9 גענומען ביי זיי שׂכִירות, כּדי איך זאָל אייך דינען. און בעת
איך בין געווען ביי אייך, און בין געווען נויטבאַדערפֿטיק, בין
איך קיינעם ניט געווען קיין לאַסט; וואָרים די ברידער, בעת זיי
זענען געקומען פֿון מאַקעדאָניע, האָבן געגעבן וויפֿל איך האָב

באַדאַרפֿט. און איך האָב מיך אין אַלצדינג צוריקגעהאַלטן
צו ווערן אַ לאַסט פֿאַר אײַך, און אַזוי וועל איך מיך האַלטן.
10 ווי דער אמת פֿון משיחן איז אין מיר, וועט מיר קיינער ניט
פֿאַרווערן דאָס דאָזיקע רימען זיך אין די געגנטן פֿון אַכאַיאַ.
11 פֿאַרוואָס? מחמת איך האָב אײַך ניט ליב? גאָט ווייסט׳
12 אָבער וואָס איך טו, דאָס וועל איך אויך טאָן, כּדי איך זאָל
אָפּשנײַדן אַ געלעגנהייט פֿאַר די, וואָס זוכן אַ געלעגנהייט;
כּדי אין דעם, אין וואָס זיי רימען זיך, זאָלן זיי געפֿונען ווערן
13 אַזוי ווי מיר. וואָרים אַזעלכע מענטשן זענען פֿאַלשע שליחים,
פֿאַרפֿירערישע אַרבעטער, וואָס פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר שליחים
14 פֿון משיחן. און ניט קיין וווּנדער, וואָרים אַפֿילו דער שׂטן אַליין
15 טוט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ מלאך פֿון ליכט. עס איז דעריבער
ניט קיין גרויסע זאַך, אויב זײַנע באַדינער פֿאַרשטעלן זיך אויך
פֿאַר באַדינער פֿון רעכטפֿאַרטיקייט. אָבער זייער סוף וועט זײַן
16 לויט זייערע מעשׂים. איך זאָג נאָכאַמאָל: זאָל מיך קיינער ניט
האַלטן פֿאַר אַ נאַר; נאָר אויב יאָ, טאָ נעמט מיך אויף ווי אַ
17 נאַר, כּדי איך זאָל מיך אויך רימען אַביסל. דאָס, וואָס איך
רעד, רעד איך ניט לויט דעם האַר, נײַערט ווי אין נאַרישקייט,
18 אין דער דאָזיקער זיכערקייט פֿון רימען זיך; ווײַל אַזוי ווי אַ סך
19 רימען זיך לויט דעם פֿלייש, וועל איך מיך אויך רימען. וואָרים
איר פֿאַרטראָגט גערן די נאַראָנים, מחמת איר זענט אַליין קלוג.
20 וואָרים איר פֿאַרטראָגט דאָך אַ מענטשן, אויב ער נעמט אײַך
אין קנעכטשאַפֿט, אויב ער פֿאַרצערט אײַך, אויב ער נעמט אײַך
געפֿאַנגען, אויב ער דערהייבט זיך אַליין, אויב ער שלאָגט אײַך
21 אין פּנים. איך רעד דאָס פֿון בושה, גלײַך ווי מיר וואָלטן געווען
שוואַך. דאָך אין וואָס נאָר עמיצער איז מוטיק ־ איך רעד אין
22 נאַרישקייט ־ בין איך אויך מוטיק. זענען זיי עבֿרים? איך בין
אויך. זענען זיי בני־ישׂראל? איך בין אויך. זענען זיי דער זאָמען
23 פֿון אַבֿרהמען? איך בין אויך. זענען זיי באַדינער פֿון משיחן? איך
נאָך מער ־ איך רעד ווי אַ משוגענער ־ אין מיאוּנגען אַ סך מער,
אין

אין תּפֿיסות אַ סך מער, אין מַלקות איבער דער מאָס, אין מיתות
24 אַ סך. פֿון די ייִדן האָב איך פֿינף מאָל באַקומען פֿערציק מַלקות
25 אָן איינעם. דריי מאָל בין איך געשלאָגן געוואָרן מיט ריטער,
איינמאָל בין איך פֿאַרשטיינט געוואָרן, דריי מאָל האָב איך
געליטן שיפֿבראָך, אַ נאַכט און אַ טאָג בין איך געווען אין דער
26 טיפֿעניש; אין נסיעות אַ סך, אין סכּנות פֿון וואַסער, אין סכּנות פֿון
רויבער, אין סכּנות פֿון מיינע לאַנדסלײַט, אין סכּנות פֿון די גוייִם,
אין סכּנות אין דער שטאָט, אין סכּנות אין דער מדבר, אין סכּנות
27 אויף דעם ים, אין סכּנות צווישן פֿאַלשע ברידער; אין מי און נויט,
אין שלאָפֿלאָזע נעכט, אין הונגער און דאָרשט, אין תּעניתים אַ
28 סך, אין קעלט און נאַקעטקייט. און אַחוץ יענע זאַכן, וואָס זענען
אויסערלעך, איז פֿאַראַן דאָס, וואָס דריקט אויף מיר טעגלעך,
29 די זאָרג פֿאַר אַלע קהילות. ווער איז שלאַף, און איך בין ניט
30 שלאַף? ווער ווערט געשטרויכלט, און איך ברען ניט? אויב איך
מוז מיך דווקא רימען, וועל איך מיך רימען פֿונוועגן דעם, וואָס
31 האָט אַ שײַכות צו מײַן שוואַכקייט. דער גאָט און פֿאָטער פֿון
דעם האַר יֵשוּעַ, וואָס איז געלויבט אויף אייביק, ווייסט, אַז איך
32 זאָג ניט קיין ליגן. אין דַמֶשֶׂק האָט דער פּראָקאָנסול אונטער
דעם מֶלך אַרעטאַס באַוואַכט די שטאָט פֿון דַמֶשֶׂק, כּדי מיך צו
33 כאַפּן; און דורך אַ פֿענצטער בין איך אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין
אַ קאָרב פֿון דער וואַנט, און איך בין אַנטרונען פֿון זײַנע הענט.
יב איך מוז מיך רימען, הגם עס איז ניט פּאַסיק; איך וועל אָבער
2 קומען אויף זעאונגען און אַנטפּלעקונגען פֿון דעם האַר. איך קען
אַ מענטש אין מָשיחַן: מיט פֿערצן יאָר צוריק איז אַזאַ איינער
– צי אין דעם גוף, ווייס איך ניט, צי אויסער דעם גוף, ווייס
איך ניט, גאָט ווייסט – איז אַזאַ איינער אַרויפֿגענומען געוואָרן
3 ביז צום דריטן הימל. און איך קען אַזאַ מענטש – צי אין דעם
4 גוף, צי אויסער דעם גוף, ווייס איך ניט; גאָט ווייסט – וואָס איז
אַרויפֿגענומען געוואָרן אין גן־עֵדן אַרײַן, און ער האָט געהערט
רייד, וואָס קענען ניט אַרויסגערעדט ווערן, וואָס אַ מענטש טאָר

5 זיי ניט איבערחזרן. פֿונוועגן אַזאַ איינעם וויל איך מיך רימען,
אָבער פֿונוועגן מיר אַליין וויל איך מיך ניט רימען, אַחוץ אין מיין
6 שוואַכקייט. וואָרים אויב איך וואָלט מיך וועלן רימען, וואָלט
איך ניט זיין קיין נאַר; וואָרים איך וועל רעדן דעם אֶמת. איך
האַלט מיך אָבער אָפּ, טאָמער וועט מיך עמיצער פֿאַררעכענען
פֿאַר מער איידער דאָס, וואָס ער זעט אין מיר, אָדער הערט
7 פֿון מיר. און כּדי איך זאָל ניט צופֿיל דערהויבן ווערן דורך
דער אויסערגעוויינלעכער גרויסקייט פֿון די אַנטפּלעקונגען, איז
מיר געגעבן געוואָרן אַ דאָרן אין דעם פֿלייש, אַ שליח פֿון דעם
שׂטן מיך צו שלאָגן, כּדי איך זאָל ניט צופֿיל דערהויבן ווערן.
8 פֿונוועגן דעם האָב איך דריי מאָל געבעטן דעם האַר, אַז דאָס
9 זאָל אָפּקערן פֿון מיר. און ער האָט צו מיר געזאָגט: מיין
חֶסֶד איז גענוג פֿאַר דיר, וואָרים מיין מאַכט ווערט שלימות
אין שוואַכקייט. דעריבער וועל איך מיך צום ליבסטן ליבער
רימען אין מיינע שוואַכקייטן, כּדי די מאַכט פֿון מָשיחן זאָל רוען
10 אויף מיר. איבערדעם בין איך מיך משׂמח אין שוואַכקייטן, אין
באַליידיקונגען, אין נויטבאַדערפֿטיקייטן, אין רדיפֿות, אין סכּנות
פֿון מָשיחס־וועגן; וואָרים ווען איך בין שוואַך, אָט דעמאָלט בין
11 איך שטאַרק. איך בין געוואָרן נאַריש; איר האָט מיך דערצו
גענייטיקט, וואָרים איך וואָלט באַדאַרפֿט געליובט צו ווערן פֿון
אייך; וואָרים אין קיין שום זאַך בין איך ניט הינטערשטעליק די
12 סאַמע גרעסטע שליחים, הגם איך בין גאָרניט. יאָ, די צייכנס
פֿון אַ שליח זענען געטאָן געוואָרן צווישן אייך מיט דער גאַנצער
13 געדולדיקייט, מיט צייכנס און וואונדער און גבֿורות. וואָרים מיט
וואָס זענט איר הינטערשטעליק אין פֿאַרגלייַך מיט די איבעריקע
קהילות, אַחוץ וואָס איך בין ניט געוואָרן קיין לאַסט פֿאַר אייך?
14 זייט מיר מוחל די דאָזיקע עוולה, זעט, דאָס איז דאָס דריטע
מאָל, וואָס איך בין גרייט צו קומען צו אייך; און איך וועל ניט
זיין קיין לאַסט פֿאַר אייך, וואָרים איך זוך ניט דאָס אייַעריקע,
נייערט אייך. וואָרים ניט די קינדער דאַרפֿן זאַמלען אוצרות

פֿאַר

15 פֿאַר די עלטערן, נייערט די עלטערן פֿאַר די קינדער. און
איך וויל זייער גערן אויסבּרענגען און אויסגעבּראַכט ווערן פֿאַר
אייערע נשמות. אויבֿ איך האָבֿ אייך ליבּ אַ סך מער, דאַרף איך
16 דערפֿאַר געליבּט ווערן ווינציקער? נאָר זאָל עס זיין אַזוי, איך בּין
פֿאַר אייך ניט געווען קיין לאַסט; נייערט, ווייל איך בּין כיטרע,
17 האָבֿ איך אייך געפֿאַנגען מיט כיטרעקייט. האָבֿ איך אייך
געטאָן אויסנוצן דורך עמיצן פֿון די, וועמען איך האָבֿ געשיקט
18 צו אייך? איך האָבֿ געבּעטן טיטוסן, און האָבֿ מיטגעשיקט מיט
אים דעם בּרודער. צי האָט טיטוס אייך אויסגענוצט? צי זענען
מיר ניט געהאַנדלט אין דעם זעלבן גייסט? צי זענען מיר ניט
19 געגאַנגען אין די זעלבּע טריט? איר מיינט די גאַנצע צייט,
אַז מיר פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר אייך? מיר רעדן פֿאַר גאָט
אין מָשיחן. אַלצדינג אָבער, בּאַליבּטע, איז פֿונוועגן אייער
20 אויפֿבּויאונג. וואָרים איך האָבֿ מורא, טאָמער וועל איך חָלִילה,
ווען איך וועל קומען, אייך געפֿינען ניט אַזעלכע ווי איך וואָלט
וועלן, און איר וועט מיך געפֿינען ניט אַזוינעם ווי איר וואָלט וועלן;
טאָמער חָלִילה וועט דאָרט זיין קריג, קִנאה, רוגז, מַחלוקות,
21 לָשון־הָרע, מורמלערייען, גַאווה, מהומות. טאָמער, בעת איך
וועל קומען, וועט מיך גאָט ווידער אַמאָל דערנידעריקן פֿאַר אייך
און איך וועל דאַרפֿן טרויערן אויף אַ סך פֿון די, וואָס האָבֿן
געזינדיקט שוין פֿון פֿריער, און האָבֿן ניט תּשובה געטאָן אויף
דער אומרייניקייט און זנות און תַּאווה, וואָס זיי זענען בּאַגאַנגען.
יג דאָס איז דאָס דריטע מאָל, וואָס איך קום צו אייך. דורך דעם
מויל פֿון צוויי, אָדער דריי עֵדות, זאָל יעדע זאַך בּאַשטעטיקט
2 ווערן. איך האָבֿ שוין פֿריער געזאָגט, און זאָג עס פֿאָרויס, ווי
בעת איך בּין געווען בּיי אייך דאָס צווייטע מאָל, אַזוי איצט,
בעת איך בּין אָפּוועזנד, אַז די, וואָס האָבֿן פֿריער געזינדיקט,
און אַלע איבעריקע, אַז אויבֿ איך וועל ווידער קומען, וועל איך
3 קיינעם ניט שוינען, ווייל איר זוכט אַ בּאַווייז, אַז מָשיחַ רעדט אין
מיר, וואָס איז לגַבּי אייך ניט שוואַך, נייערט איז מעכטיק צווישן
אייך

4 אייך. וואָרים הַגַם ער איז געקרייציקט געוואָרן אין שוואַכקייט,
לעבט ער אָבער דורך דער גבורה פֿון גאָט. וואָרים אויך מיר
זענען שוואַך אין אים, נאָר מיר וועלן לעבן מיט אים דורך דער
5 גבורה פֿון גאָט פֿאַר אייך. פּראָוווט אייך אויס אַליין, צי איר
זענט אין דער אֱמונה; זייט אייך אַליין חוקר־ודורש. אָדער צי
ווייסט איר ניט וועגן זיך אַליין, אַז יֵשוּעַ הַמָשִיחַ איז אין אייך?
6 ־ סיידן איר זענט פֿאַרוואָרפֿן. איך האָף אָבער, אַז איר וועט
7 פֿאַרשטיין, אַז מיר זענען ניט קיין פֿאַרוואָרפֿענע. און מיר זענען
מִתפַּלֵל צו גאָט, אַז איר זאָלט ניט טאָן קיין שלעכטס; ניט
כּדי מיר זאָלן אויסזען בּאַוויליקטע, נייערט כּדי איר זאָלט טאָן
דאָס, וואָס איז גוט, אויב אַפֿילו מיר זאָלן זיין ווי פֿאַרוואָרפֿענע.
8 וואָרים מיר קענען גאָרניט טאָן קעגן דעם אֱמת, נייערט פֿאַר
9 דעם אֱמת. וואָרים מיר פֿרייען זיך בּעת מיר זענען שוואַך, און
איר זענט שטאַרק. און מיר זענען אויך מִתפַּלֵל, אַז איר זאָלט
10 אויפֿגעריכט ווערן. דעריבער שרייב איך אייך דאָס, בּעת איך
בּין אָפּוועזנד, כּדי ווען איך וועל זיין ביי אייך, זאָל איך ניט דאַרפֿן
האַנדלען שטרענג לויט דעם רשות, וואָס דער האַר האָט מיר
11 געגעבן אויף אויפֿצובויען, און ניט אַרונטערצורייַסן. צום סוף,
בּרידער, זייט געזונט, פֿאַרבעסערט אייך, זייט געטרייסט, זייט
פֿון איין מַחשָבה, לעבט בּשָלום; און דער גאָט פֿון ליבע און
12 שָלום וועט זיין מיט אייך. גריסט איינער דעם אַנדערן מיט אַ
13, 14 הייליקן קוש. אַלע הייליקע גריסן אייך. דער חֶסד פֿון דעם האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און די ליבע פֿון גאָט, און די חַברוּתָאשאַפֿט פֿון
דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, זאָל זיין מיט אייך אַלעמען.